# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

399 | פרשת וילך | תשפ"ב

## פניני אמונים — פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### די אויפפירונג פון א צדיק לאזט איבער א איינדרוק

"וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל" (לא א)

רבי משה זאב פרידמאן דער יפו'ער רב האט דערציילט אז האדמו"ר רבי דוד משה מקרעטשניף פלעגט זאגן אז צוקוקנדיג די עבודה פון זיין טאטן האדמו"ר רבי אליעזר זאב ווי ער זאגט 'נשמת' מיט התלהבות, האט מען געקענט נתעורר ווערן צו יראת שמים מער פון הערן דרשות אדער לערנען ספרי-מוסר.

צו דעם האט רבי משה זאב צוגעלייגט אז ער האט געהערט פון האדמו"ר רבי יעקב אלימלך פאנעט מדעעש הי"ד, אז דער פסוק קומט אונז לערנען אז די אויפפירונג פונעם צדיק איז משפיע אויפן ציבור, אזוי ווי ער וואלט גערעדט פאר זיי; "וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה" - די אויפפירונג פון משה, האט משפיע געווען פונקט ווי: "וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל".

'קרבן משה' ח"א עמ' רפא

### נאר משה האט געדאווענט אויף אריינגיין אין ארץ ישראל

"וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה; ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ הוּא יַשְׁמִיד אֶת הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ וִירִשְׁתָּם יְהוֹשֻׁעַ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה'" (לא ב-ג)

לכאורה דארף מען פארשטיין די קשר צווישן די פסוקים וואס ענהאלטן אין זיך די ווערטער פון משה צו די אידן בעפאר זיין פטירה?

רבי אהרן תאומים דער רב פוןווארמייזא ערקלערט אז אין די ווערטער האט משה ערקלערט פאר די אידן פארוואס נאר ער האט געדאווענט זוכה צו זיין אריינגיין אין ארץ ישראל, אנדערשט פון זיין ברודער אהרן, וואס אויך אויף אים איז נגזר געווארן די גזירה אבער ער האט נישט געדאווענט אויף דעם. און פיר פארשידענע ערקלערונגען האט ער דא מרמז געווען:

א. "בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם"; דער אר"י הקדוש זאגט (ראה 'מדרש האתמרי' דרוש כג) אז משה רבינו, דער אויסדערוועלטער מענטש פון די גאנצע בריאה, איז געווען די בחי' פון 'תרומה' פון דער וועלט, און וועגן דעם האט ער געלעבט הונדערט און צוואנציג יאר, וואס דאס איז א פופציג'סטל טייל אקעגן די זעקס טויזענט יאר פון דער וועלט, אזוי ווי די מיטלמעסיגע שיעור פון תרומה. און ווייל תרומה איז איינס פון די מצוות התלויות בארץ, דעריבער האט ער געבעטן משלים זיין זיינע יארן דווקא אין ארץ ישראל.

ב. "לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא" - דער אר"י הקדוש האט נאך מגלה געווען (הובא ב'מדבר קדמות' א יט) אז די נשמה פון אהרן האט געדארפט מגולגל ווערן אין עזרא הסופר וואס האט זוכה געווען ארויף גיין קיין ארץ ישראל. דאקעגן משה האט נישט געדארפט נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט, דעריבער האט ער געוואלט אריינגיין ווען ער האט געלעבט.

ג. "ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ" - עס איז ידוע אז דער וועלט ווערט געפירט דורך מידת הרחמים [שם הוי"ה] און מידת הדין [שם אלוקים] (ראה רש"י בראשית א א). משה האט געוואוסט אז אויב ער וועט אריינגיין אין לאנד וואלט די וועלט געפירט געווארן נאר מיט רחמים אלין, און וועגן דעם האט ער געמוטשעט אז ער וויל אריינגיין.

ד. "יְהוֹשֻׁעַ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ" - אהרן וואלט זיך געקענט טרייסטן מיט דעם אז זיינע זון וועלן אים ממלא מקום זיין אין ארץ ישראל. אבער די קינדער פון משה האבן נישט פארטרויטן זיין פלאץ, נאר זיין תלמיד יהושע, דעריבער האט ער אליין געוואלט אריינגיין.

'בגדי אהרן' [פראנקפורט תע"א]

### די הארבקייט פון גרינגשעצן אין אמן

"וְחָרָה אַפִּי בוֹ בַיּוֹם הַהוּא וַעֲזַבְתִּים וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהֶם וְהָיָה לֶאֱכֹל וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹקַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה" (לא יז)

רבי אברהם קעסלער שליט"א בעל 'נוטרי אמן' טייטש:

ווען די אידן וועלן זען די אלע צרות וואס קומען אויף זיי, וועלן זיי זיכער נאכקוקן זייערע מעשים זען פארוואס עס איז געקומען אויף זיי די צרות. זייער באשלוס וועט זיין: צוליב "עַל - כִּי אֵין" - זענען מיר געשטראפט געווארן; "כי אין" צווישן אונז "על" [וואס איז בגימטריה 100], ד.מ. די מאה ברכות וואס מיר וואלטן געדארפט זאגן יעדן טאג אזוי ווי די תקנת חכמים. אויסער דעם, די ווערטער 'כִּי אֵין' איז בגימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', און פון דא זען מיר אז די גרינגשעצונג אין זאגן מאה ברכות און ענטפערן אמן ברענגט צו: "מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה", רחמנא ליצלן (ראה רוקח סי' שכ; זוהר וילך רפה ב).

'נוטרי אמן' ח"ב עמ' רצה

### וויסן די תורה צו קענען תשובה טון

"וּבְנֵיהֶם אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ יִשְׁמְעוּ וְלָמְדוּ לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם כָּל הַיָּמִים" (לא יג)

רבי יצחק מג'לד פון די חכמי באגדאד זאגט:

עס איז באקאנט די פראגע פארוואס הייבן מיר אן די ברכה פון תשובה מיט די בקשה: "השיבנו אבינו לתורתך...", און נאר נאכדעם בעט מען: "והחזירנו בתשובה שלימה לפניך". לכאורה וואלטן מיר געדארפט אנהייבן מיט די בקשה מיר זאלן זוכה זיין תשובה טון אויף אונזערע עבירות, און נאר נאכדעם בעטן מיר זאלן נתקרב ווערן צו תורה און עבודת ה'?

נאר, כדי מיר זאלן קענען תשובה טון אויף אונזערע זינד דארפן מיר פריער וויסן די חוקי התורה און וויאזוי צו דינען דעם אייבערשטן, ווייל אויב נישט וועלן מיר זינדיגן ווייטער אן צו וויסן. נאר נאך וואס דער מענטש ווייסט דער וועג וויאזוי זיך צו פירן, קען ער ריכטיג תשובה טון אויף זיינע זינד, און אנהייבן א נייעם ערליכן וועג.

אויף דער יסוד איז דער פסוק מרמז זאגנדיג: "יִשְׁמְעוּ וְלָמְדוּ - לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם"; כדי צו זיין א 'ירא ה'' דארף דער מענטש פריער הערן און לערנען די תורה, ווייל אויב נישט וויאזוי וועט ער וויסן וואס איז גוט און וואס איז שלעכט, וואס איז אסור און וואס איז מותר.

'צלח רכב'

"שַׁחַר אֲבַקֶּשְׁךָ צוּרִי וּמִשְׂגַּבִּי"

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ
פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלָּתֵנוּ"
דורך ענטפערן אמן עפענען זיך די שערי תפילה און די תפילות ווערן אנגענומען (זוה"ק וילך רפה ב)



"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מַלֵּא אֲסָמֵינוּ שָׂבָע"
דורך ענטפערן אמן עפענט זיך דער מקור העליון און עס ווערט נשפע גוטע השפעות אין אלע עולמות (של"ה מסכת תמיד אות פ)



טייערער איד! זיי זיך משתדל מיט דיין גאנצן כח קומען פריה אין שול און זאגן ברכות השחר מיט א חברותא,
און דורך דעם וועסטו זוכה זיין אז עס וועט זיך עפענען פאר דיר די טויערן פון תפילה און ברכה און עס וועט מקוים
ווערן ביי דיר דער פסוק: "והריקותי לכם ברכה עד בלי די".



# אוצרות אמונים

אמן אין לויף פון די יארגאנג - ימים נוראים

## א אוצר פון ווערטער אויף די געוואלדיגע ענין פון ענטפערן אמן אין באציאונג צו די ימים נוראים

### נאר ער איז באמת א 'מלך' און 'אלקים'

די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "מאי אמן? אמר רבי חנינא: 'א-ל מלך נאמן'"; די דריי אותיות פון די ווארט 'אמן' זענען ראשי תיבות: "א-ל מלך נאמן", און רש"י ערקלערט (שם) אז דער וואס ענטפערט אמן "מעיד על בוראו שהוא א-ל מלך נאמן", און תוספות (שם ד"ה א"ר) לייגט צו, אז מ'דארף טראכטן פון די ווערטער בשעת'ן ענטפערן אמן.

דער טיפקייט פון דער לויב, וואו דער אייבערשטער ווערט באַטיטול'ט מיט צוויי טיטלען: 'א-ל' און 'מלך', ערקלערט דער מהרש"א: א גאנץ יאר ענדיגן מיר מיט: 'הא-ל הקדוש', און אין ימים הנוראים ענדיגן מיר: 'המלך הקדוש'. מיטן ענטפערן אמן רופן מיר אויס אז נאר אויף הקב"ה זענען די צונעמען א-ל און מלך ריכטיג און אמת'דיג, אז עס איז נישט פארהאן קיין אמת'דיגע קעניגרייך און געטליכקייט אויסער אים. נישט ווי - להבדיל אלף אלפי הבדלות - די עבודה זרה וואס ווערן אויך אנגערופן 'אל', אזוי ווי עס שטייט (שמות לד יד): "לא תשתחוה לאל אחר", און א מלך בשר ודם וואס ווערט אנגערופן 'מלך', וואס דאס זענען געבארגטע צונעמען און איז נישט באגלייבט און אמת'דיג.

מהרש"א שבת קיט ב

### מלאכים ווערן געשיקט פאר די וואס גלוסטן זאגן א ברכה בשלימות

א שטיק צייט בעפאר די הסתלקות פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג האט ער דערציילט פאר די ארומיגע:

ווי עס איז באוואוסט פאר ענק, האב איך אלע יארן זיך געפירט נישט זאגן א ברכה צי ברכת המצוות צי ברכת הנהנין, נאר ווען איינער איז געווען נעבן מיר ער זאל קענען ענטפערן 'אמן', ווייל פון די ברכה ווערט באשאפן א מלאך, און ער איז נישט בשלימות נאר מיטן ענטפערן אמן.

איינמאל האט א גביר מיך איינגעלאדנט איך זאל קומען צו אים אין שטאט. יענער האט מיך געוואלט מכבד זיין מיט סנדקאות ביי די ברית פון זיין נייע קינד וואס איז אים געבוירן געווארן, און וועגן דעם האט ער געשיקט צו מיר א איינגעשפאנטע וואגן מיט פערד ווען א פראסטער בעל עגלה האט עס געפירט. אינמיטן וועג ווען איך האב געדארפט זאגן די ברכה 'אשר יצר' האב איך פארשטאנען אז איך האב נישט נעבן מיר איינער וואס קען ענטפערן אמן, ווייל דער בעל עגלה איז געווען אזוי פארגרעבט און פראסט אז מ'האט אים נישט געקענט מצרף זיין צו א דבר שבקדושה.

איך האט נישט געוואוסט וויאזוי זיך א עצה געבן, ביז פלוצים איז פון ערגעץ וואו פון וואלד ערשינען צוויי מענטשן מיט זייער א שיינעם אויסזען און האבן זיך געשטעלט נעבן מיר, נאכן זאגן די ברכה האבן זיי געענטפערט אמן מיט א אויסערגעווענליכע זיסקייט און ברען און זענען באלד פארהוילן געווארן. איך בין געבליבן שטיין געפלעפט און דערשראקן, ביז איך האב פארשטאנען אז הימלישע מלאכים זענען געשיקט געווארן צו מיר מן השמים צו ענטפערן אויף מיין ברכה.

אין יענע געלעגנהייט האט דער רבי ר' שמעלקא געטייטש דעם לשון הפסוק אין איוב (כג יג): "והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש", וואס ראש השנה ביים דאווענען ענדיגן מיר מיט די ווערטער "נורא וקדוש":

ווי באקאנט ענטפערן אמן איז משלים די ווערטער פון דער מברך, אויב אזוי, וואס זאל טון דער מענטש וואס איז געצווינגען צו זיין עלנד אדער ער גייט איינזאם אויפן וועג און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אויף אים אמן? דעריבער זאגט דער פסוק: 'והוא באחד' - ווען א מענטש זאגט א ברכה ביחידות, 'ומי ישיבנו' - און עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן נאך אים אמן, דעמאלטס אויב 'ונפשו אותה' זיין הארץ גלוסט זיין ברכה זאל זיין בשלימות דורך ענטפערן אמן, 'ויעש - נורא וקדוש' - האט ער די מעגליכקייט צו באוויזן וואונדער דורך דעם וואס מ'וועט אים שיקן א מלאך מן השמים, וואס זאל ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

'אהל יצחק' עמ' לה

### ענטפערן אמן צורייסט דעם גזר דין

אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהושע בן לוי: כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו - קורעין לו גזר דינו". אבער אין זוהר הקדוש טרעפן מיר א הבטחה אויף צורייסן דעם גזר דין פאר יעדער וואס ענטפערט אמן, און נישט נאר פאר דער וואס ענטפערט "אמן יהא שמיה רבא", ווייל אזוי ווערט געברענגט אין תיקוני זוהר (מ א) "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה". ('שומר אמונים' מאמר פתחו שערים פ"א).

דער 'אביר יעקב' ערקלערט אז די הבטחה פון צורייסן דעם גזר-דין האט דוד המלך מכוון געווען אין די ווערטער (תהלים קיח כא): "אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה". 'עניתני' איז פון לשון ענטפערן. איך דאנק דיר ה' אויף דעם וואס דורך ענטפערן אמן העלפסטו מיר און דו צורייסט מיין גזר דין.

צו דעם קען מען אנצייכענען אז דער משגיח רבי אליהו לאפיאן שרייבט שטארקע ווערטער אין דעם ענין:

"...ער האט א עצה וואס די תורה שבעל פה ראט אים צו טון, און אויב ער גלייבט אין תורה שבעל פה פארוואס זאל ער עס נישט טון?! און איבערהויפט אין אזא צייט וואס מיר לעבן יעצט, וואס די מדת הדין איז ליידער אויסגעשפרייט אויף דער וועלט, שווארצע וואלקענעס זענען אנגעהאנגען אין דעם צוקונפט, א מענטש זאל ציטערן אויב ער וועט נישט טון די גרינגע עצה, ווען עס קאסט אים נישט קיין צייט און געלט און נישט קיין פלאג, נאר צובייגן זיין אויערן הערן גוט און ענטפערן ווי עס דארף צו זיין..."

'שערי תשובה' [לר"י אבוחצירא] אופן כב; קונטרס 'שומר אמונים' (ניו יארק תשי"ג) עמ' 42

### ענטפערן אמן איז ממתיק די דינים

פאר תקיעת שופר פירן מיר זיך זאגן די קאפיטל (תהלים נא): "למנצח לבני קרח מזמור...", וואס ענדיגט זיך מיטן פסוק: "נדיבי עמים נאספו ...כי לאלוקים מגיני ארץ מאד נעלה".

די ראשי תיבות: "ארץ מאוד נעלה" איז 'אמן'. דאס איז א רמז אויף אלע וואס ענטפערן אמן בכוונה, זיי זענען ממתיק די דינים - וואס זענען מרומז אין די ווארט 'אלוקים', און מיט דעם באשיצן זיי אויף די וועלט.

'שערי תשובה' [לר"י אבוחצירא] אופן כב

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## 'כל נדרי' פאר א 'עולם' פון איין מענטש

יעדע יאר, עטליכע טעג בעפאר ראש השנה, פליט אפ דער באקאנטער חזן ר' צ. ג. פון ארץ ישראל קיין דייטשלאנד. ר' צ. דינט אלץ חזן אין גרויסן שול אין שטאט פראנקפורט די הויפט שטאט פון דייטשלאנד, און צוליב דעם דארף ער זיך אויפהאלטן אין פראנקפורט ביז אויפצומארגנ'ס פון יום כיפור, ווען די ארטיגע קהילה זארג אים א פלאץ וואו צו נעכטיגן אין א שיינע האטעל וואס געפונט זיך א שטיקל וועג ווייט פון שול, און כשר'ע מאלצייטן פאר אים און אלע זיינע באגלייטער'ס.

ר' צ. איז געשאנקען געווארן מיט א דאפלטע מתנה פון הימל - א זיסע שטימע, הויך און קלאר, צוזאמען מיט א אינערליכע ספעציעלע געפיל. אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער אז זיינע זיסע און ווארימע תפילות ציען א גרויסן עולם זאל קומען אין שול, נאנטע פונקט ווי ווייטע. אלע האבן זוכה געווען אין ענדע פון די טאג זיך דערנענטערן נאך א טריט צו זייער פאטער אין הימל.

דאס איז געווען פאר עטליכע יאר, מוצאי יום כיפור. נאך א לאנגן טאג וואס ער איז געשטאנען אויף זיינע פוס כמעט אן א אויפהער ביי די תפילות פון יום הקדוש, ווען ער פאסט אזוי ווי די מצוה איז, און מיט זיינע הארץ-געפילן שלעפט ער מיט זיך מיט די טויזנטער מתפללים וואס האבן אנגעפילט דעם גרויסן שול.

אין ענדע פון די טאג, נאכן דאווענען מעריב, איז ר' צ. געווען אפגעמוטשעט און אפגעשוואכט אזוי ווייט אז ער איז נישט מסוגל געווען גיין צופיס ביז צו די האטעל צו שטילן זיין הונגער.

דערנאך הבדלה וואס איז פארגעקומען אין שול ווי עס איז איינגעפירט געווען, זענען אלע מתפללים אהיים געגאנגען, מקיים זיין דעם פסוק: "לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך כי כבר רצה האלוקים את מעשיך", אבער ר' צ. האט זיך אראפגעזעצט אויף א באנק וואס איז געווען ביי די אונטערשטע אריינגאנג פון שול זיך אביסל אפרוען, טראכטנדיג אז נאך א קורצע צייט וועט ער צוריק באקומען די כוחות כדי צו קענען צוריק גיין אין האטעל און דערכאפן דאס הארץ.

די עלעקטער איז שוין געווען פארלאשן, דער גבאי האט פארשפארט די הויפט טיר און פארמאכט די פאדערשטע טויערן פון די הויף פון די שול. נאך א קורצע רוה איז ר' צ. ארויס פון די זייטיגע טיר און איז איבערראשט געווארן צו זען אקעגן אים א עלטערער אומבאקאנטער מענטש וואס א אלטע וואלענע ווייסע קאפל איז געליגן אויף די בערגל ווייסע האר.

ר' צ. האט באלד אויפגעכאפט אויף די געשטאלט פון דער מענטש אז ער געפונט זיך אין א ענגשאפט. ער האט פרובירט אריינגיין אין שול און ווייל ער האט נישט געקענט איז ער געווען פארלוירן. ר' צ. איז צוגעגאנגען צו אים, ארויפגעלייגט זיין האנט אויף זיין אקסל און איידעלערהייט זיך אינטערעסירט: "איך קען דיר העלפן?!".

דער מענטש האט אויסגעזען אינגאנצן צומישט, און אנשטאט ענטפערן האט ער ארויס געשאסן עטליכע פראגן: "וואס גייט דא פאר? וואו זענען אלע מתפללים? פארוואס זענען די טויערן פון שול פארשלאסן? יעצט ביינאכט אין דען נישט 'כל נדרי נאכט'?"

"עס איז טוט מיר זייער ווי צו זאגן, אבער ניין! נעכטן נאכט איז געווען 'כל נדרי נאכט'", האט ר' צ. מיטגעפילט די ווייטאג פון דער מענטש, "פאר ארום א האלבע שעה האבן מיר געענדיגט דאווענען מעריב פון מוצאי יום הקדוש".

הערנדיג די ענטפער איז דער הארץ פון דער מענטש צובראכן געווארן: "איך פארשטיי נישט וויאזוי האט אזאנס פאסירט פאר מיר?", האט ער אויסגערופן אנטוישט, "וויאזוי האב איך געמאכט אזא טעות? וויאזוי האב איך געקענט דערלייגן די תפילה פון 'כל נדרי'?".

ר' צ. פרובירט אים בארואיגן און טרייסטן, אבער דער מענטש איז נישט גרייט געווען הערן א ווארט; "דו פארשטייסט נישט", האט ער געזאגט, "פון ווען איך בין געווען א קליין קינד האב איך נישט פארפאסט אפילו איינמאל די תפילה 'כל נדרי', אין לויף פון צענדליגער יארן האב איך באגלייט מיין פאטער, און פאר ארום צוואנציג יאר, בעפאר זיין פטירה האט ער פון מיר געפאדערט איך זאל אים צוזאגן אז איך וועל ווייטער אזוי טון א גאנץ לעבן. מיין טאטע האט געוואוסט אז דאס וועט זיין דער איינציגסטער קשר מיינע צו די אידישע מסורה. איך האב אים צוגעזאגט, און ביז יעצט האב איך עס איינגעהאלטן. און יעצט, איך ווייס נישט פארוואס, האב איך דערלייגט די תפילה".

ר' צ. האט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג אקעגן די ווייטאג פון דער מענטש, ער האט איבערגעטראכט, און דעמאלטס אים געזאגט: "מיין גוטער פריינד, דו האסט מזל. איך בין דער חזן פון שול, קום צוזאמען אריין אין שול, און דארט וועלן מיר צוזאמען זאגן 'כל נדרי'".

דער מענטש איז שאקירט געווארן הערנדיג די פארשלאג, אבער ר' צ. האט אים נישט געגעבן די מעגליכקייט זיך אקעגן שטעלן, ער האט אים אנגעכאפט זיין האנט, באגלייט צו די זייטיגע אריינגאנג פון שול און מיט אים אריין אין די כמעט פארטונקלטע היכל.

ר' צ. איז צוגעגאנגען צום עמוד און דער מענטש האט זיך אראפגעזעצט אויף די באנק אונטער אים. ר' צ. האט אים אויפגעמישט די מחזור אויף די תפילה פון 'כל נדרי', און נאכדעם האט ער אנגעטון די חזנים-הוט און זיך ארומגענומען מיטן ספעציעלן טלית. עס איז אים חשוב געווען אז דאס דאווענען זאל זיין 'אויטענטיש' ווי ווייט מעגליך.

א נאכט פריער האט ר' צ. געדרייט מיט זיין שטימע ביי 'כל נדרי' פאר צוויי טויזנט מענטשן, יעצט גייט ער איבער דאווענען ווען דער גאנצער 'עולם' איז נאר איין מענטש - א אידישע נשמה וואס טוט לעכצן צו הערן 'כל נדרי'.

"על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה..."; אין די מינוט וואס ר' צ. האט געעפענט זיין מויל האט ער געשפירט ווי עס קומט אין אים אריין פרישע כוחות, אומנאטורליכע. ער האט אינגאנצן פארגעסן פון די הונגער וואס דרוקט אים, און זיין שטימע האט זיך צושפרייט אין גאנצן שול.

אויך נאך אזויפיל יארן וואס ער איז אין זיין קאריערע, האט ער נישט געדענקט אפילו איינמאל וואס עס איז אים געלונגען זיך קאנצענטרירן אזוי טיף אין די הייליגע ווערטער, און ארויסגעבן אזעלעכע טיפע געפילן אזוי ווי יעצט; מוצאי יום כיפור, אין א ליידיגע שול, אקעגן א 'עולם' פון איין מענטש.

ר' צ. האט געפילט ווי ער דאוונט מיט די מיליאנען נשמות קדושות וטהורות וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם. מיט זיין מסירות נפש פאר איין איד האט ער געפילט די געפיל פון 'ערבות' וואס איז פארהאן אין כלל ישראל, און די געפיל האט אריינגעגעבן אין אים פרישע כוחות צו קענען פארזעצן מיט מער שטארקייט.

ווען דאס דאווענען האט זיך געענדיגט איז דער מענטש צוגעקומען צו אים. זיינע אויגן זענען געווען אינגאנצן פארוויינט אזוי ווי די אויגן פון ר' צ., קוים האט ער געקענט זיך באדאנקען און ארויסגעבן זיינע געפילן; "דו ווייסט נישט וואס דו האסט געטון פאר מיר. האסט געראטעוועט מיין לעבן...". האט ער געזאגט און נישט אויסגעפירט.

'מפי בעל המעשה'

עיצובים shay